**גוט שבת אלע אידן.** זלמן און יענקל ווײנער (נישט זייער עכטע נעמען) זענען אויפגעוואקסן און קאטוויטץ פוילען פאר די מלחמה. ליידער זענען זלמן און יענקל געווען די איינציגסטע וואס האבן איבערגעלעבט דעם קריג פון זייער משפחה, הי"ד. נאך די מלחמה זענען זלמן און יענקל געפארן וואוינען אין אנדערע מדינות. זלמן אין געגאנגען וואוינען אין לונדון און יענקל איז געפארן וואוינען אין בוינאס איירעס, ארגענטינה. זלמן איז ב"ה געבליבן "אידיש" אבער יענקל, כאטש אז ער האט חתונה געהאט מיט א איד, איז ליידער אראפגעגליטשט פונעם אידישן וועג, השם ירחם.

זלמן מיט יענקל האבן געשיקט בריוון צווישן זיך. זלמן האט זיך נישט באהאלטן זיין שווערע געפילן וועגן זיין ברודער'ס באשלוס אפצולאזן דעם דרך האבות. אין זיין בריוון צו יענקל, האט זלמן שטענדיג געשריבן וועגן ווי אזוי יענקל האט געלערנט אין חדר מיט לאנגע פאות און ווי אזוי זיי זענען געגאנגען צום רבי'ן'ס טיש וכו'. זלמן האט אלעס פרובירט כדי אנצוצינדען דעם אידישן פונק אין זיין ברודער'ס הארץ.

אין תשכ"ה האט יענקל איינגעלאדענט זלמן און זיין בני בית צו קומען באזוכן יענקל אין ארגענטינה. עס איז געווען שוין כמעט צוואנציג יאר זייט זיי האבן זיך געזען. פארשטייט זיך אז זלמן האט אביסל צוריקגעהאלטן פון אננעמען דעם ווארעמע פארשלאג פון זיין ברודער, ווייל ווי אזוי וועט ער פארשאפן כשר'ע עסן און א מנין וכו' דארט אין בוינאס איירעס? יענקל האט אבער בארוהיגט זיין ברודער זאגענדיק אז ער דארף נישט זארגן, ווייל עס איז דארט אלעס. צום סוף, האט זלמן נישט געקענט זיך צוריקהאלטן. יענקל איז געווען זיין איין איינציגסטע קרוב וואס איז געבליבן לעבן נאך די מלחמה.

באלד דערנאך זענען זלמן מיט זיין בני בית געפארן דעם גאר לאנגע וועג פון לונדון קיין ארגענטינה, וואס לכאורה אין יענע טעג האט גענומען בערך צוואנציג שעה מיט א פליגער.

די צווי ברידער האבן זיך זייער שטארק געפרייט צו זענען איינער דעם צווייטען. זיי האבן גלייך גענומען שמועסן וועגן די אלטע צייטן. זייערע שמועסן זענען געווען געמישט מיט טרערן און לאכן, ווען זיי האבן דערמאנט די אלטע זכרונות פונעם היים.

איין טאג, בעפאר זלמן האט געדארפט אהיימפארן קיין לונדון, האט ער געזאגט צו יענקל: " עס איז געקומען די צייט פאר אונז אויפצושטעלן פאר אונזער חשובע עלטערן א מצבה... עס קומט זיי דאך דעם קליינעם כבוד!"

"יא... זיכער," האט יענקל געזאגט, "אבער וואו זאל מען אויפשטעלן דער מצבה, זיי זענען אנגעקומען אין אוישוויטץ, און עס איז גארנישט געבליבן."

"איך האב א באשטימטע פלאץ וואו מען גייט עס טון," האט זלמן געזאגט צו זיין ברודער.

"אבער נישט אין אוישוויטץ! איך גיי קיינמאל נישט צוריקגיין דארט!" האט יענקל געזאגט.

"ניין... נישט אין אוישוויטץ... נישט דארט, איך גיי דיך שוין ווייזן וואו, קומט מיט מיר..." האט זלמן געזאגט, ווייזענדיק צו יענקל דעם וועג צו דעם גאסט שטוב אין יענקל'ס הויז וואו זלמן'ס זאכן זענען געליגען.

יענקל האט געעפענט זיין טלית באטל און ער האט ארויסגענומען זיין תפילין של יד און של ראש. יענקל האט געלייגט דעם של יד אויף זיין פרייען ברודער'ס ארעם און געזאגט, "לאמיר מאכן דעם (די "של יד") אלס דער מצבה פאר אונזער הייליגען טאטען ז"ל..." דאן האט זלמן גענומען דעם "של ראש" און געלייגט עס אויף זיין ברודער'ס קאפ און געזאגט "און דעם וועט זיין די מצבה פאר אונזער הייליגען מאמע ע"ה!"

ר' זלמן האט געהאלטן די תפילין אזוי אויף זיין ברודער און ער האט שטארק אריינגעקוקט אין זיין אויגען און נשמה. פלוצלינג האט זיך יענקל אויפגעבראכן אין א שטארקע געוויין און ער איז געפאלן אויף זיין ברודער.

נאך א לאנגע צייט וויינען, האט יענקל סוף כל סוף אפגעלאזט זיין ברודער און ער איז אריינגעגאנגען צו דער קאך. זלמן איז אים נאכגעגאנגען נישט וויסן וואס וועט זיין. זלמן האט אנגעקוקט ווי יענקל האט געעפענט דעם שענקל און ער האט ארויסגענומען טעלערס און ער האט זיי אראפגעווארפן אין דעם גארבידזש שרייענדיק "טריפה! טריפה! טריפה!" יענקל האט נישט געענדיגט ביז ער האט צובראכן אלע כלים אין זיין קאך. היינט, יארן שפעטער וואוינען יענקל מיט זיין פרוי אין ארץ ישראל אלס פרומע אידן, מיט זייערע פרומע קינדער און אייניקלאך, ב"ה! דאס איז געווען די בעסט מצבה פאר זיינע עלטערן!

יעדער איינער וויל נעמען נקמה קעגן די שלעכטע גוים וואס האבן אונז געפייניגט דורך אלע דורות. די מצרים, יוונים, די רומים, די אראבער, די קרייצפארערס, די רוסען, די קומאניסטן, די דייטשע, ימ"ש האבן אלע פרובירט אויסצומעקן כלל ישראל. ווי אזוי קענען מיר נקמה נעמען קעגן זיי? דורך זיין ערליכע אידן און האבן ערליכע אידישע קינדער, דער אייבערשטער זאל העלפן. יעצט אז מען גרייט זיך צו צום הייליגען יום טוב חנוכה, לאמיר אלע זיך מתחזק זיין אין יראת שמים, דקדוק במצוות און לימוד התורה. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די גרויסע אורות וואס קומען אראפ אין די זכות פון מתתיהו כהן גדול וואס האט געקעמפט קעגן די שלעכטע גוים ימ"ש. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף בייער שליט"א לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ"צ

לע"נ האשה החשובה ציפורה יוטא בת ר' מרדכי מענדל ע"ה – ערב חנוכה תשכ"ד

לע"נ האשה החשובה שאשא מלכה בת ר' אברהם ע"ה

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)**

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! אל תתן את הזכות להחזיר את הספרים לערל!**